# נחת פון אַ זון

דערצעהלט פון א טאָמסקער יודענע, וואָס רעדט ארויס זעהר שארף אַ „ר"

מסתמא מיר אָנגע'חתמ'עט פון גאָטען נאָך פון ערב שבת הגדה, אַז איך זאָל האָבען דאָסאָדע היינטיגען יאָהר... איהר אויף מיר קוקט, מאָלאָדאָי טשעלאָוועק, וואָס איך קען ריידען אידעשׁ? — ווען איך נאָך געווען אַ קאָלנע — איך נישט געקענט ריידען אידעשׁ, אָבער גאָרנישט... מיר דער שוחט אויסגעלערענט ריידען אידעשׁ, גוט... מיין מאַן געזעהן, איך קען ריידען אידעש גוט, — ער מיר געקויפט אַ פאָר סערגעס... גרויסע. אַזאַ שטיק גאָלד זאָל... אַ משיח קומען...

עך, דאָס געווען אַ מאַן!.. ניקאָליי מיכיילאָוויטש, צאַרסטווא יעמו נעבעסנאָיע... אַ ניקאָלייעווסקער סאָלדאַט... סאַראַ פאָטשאָט געהאַט! אַי, אַי, אַי!... איך מיט איהם געגאַנגען ראָשעשאָנע אין שוהל... דעם אַנדער טאָג מיר געגאַנגען... מיר ניט געגאַנגען דעם ערשטען טאָג — מיר ניט געוואוסט... געקומען אַנטאָן איוואַנאָוויטש, אונזער סאָסיעד. ער זאָגט: ניקאָליי מיכיילאָוויטש, ביי אייך היינט פראַזדניק — מיר געגאַנגען אין שוהל... אַ סלאַווני טשעלאָוועק געווען מיין מאַן... פאַר פאָקראָווע געשטאָרבען ביז

הונדערט און צוואַנציג יאָהר אַ גוטער בעטער... איך געקויפט אַ
סוועטשקע... איך געוויינט... געוויינט, מיך איבערגעלאָזט אַ נעס־
טשאַסטנע וודאָווע.. ניט זינדיגען קעגען גאָטעז... איך געוואוסט,
איך בלייב אויף געהאַקטע צרות...

איהר פרעגט, מאָלאָדאָי טשעלאָוועק, וואָסערע צרות?—פון
מיין זוהן וואָלאָדיאַ האָב איך געהאַקטע צרות... אַזוי ניט אַ פער־
זינדיגען צו גאָטען—אַ גוטער זוהן... אַ גאָלד... אַז איך, אָלע
השאָלע, איין האָרע, קראַנק געווען—וואָספּאַלעניע ליאָכקיך—
ער מיר געהיט ווי די אויג אויפ'ן שוואַרצאַפעל... געלאָפען צו
דאָקטערס... ליעקאַרסטווע... טאָג ווי נאַכט מיך געכאָליעט... ביז
איך געזונד געוואָרען. טייערער מיינער זוהן... ברילליאַנט... דעם
לעבען פון דיר... ראַק געלערנט, ראַק געזאַנימאַיעט צאַך... אַ קאָר־
טען נישט אַ שפּיל... אַ בראָנפען נישט אַ טרונק... אַ שיקסע נישט
אַ לויף... סעם געקאָנטשעט גימנאַזיע... סעם... דער דירעקטאָר
איהם געכוואַליעט... אַי, אַי, אַי!... זאָל מיר גאָט אַזוי העלפען..
איך וואַרט היינטיגען יאָהר,—ער פּאָסטופּאַיען אין אוניווערסי־
טעט,— איך האָבען אַ נחת פון אַ זוהן... אַ שטודענט...

איך וואַרט און וואַרט... ער נישט פּאָסטופּאַיעט אין אוני־
ווערסיטעט... איך צו איהם זאָג: וואָלאָדיאַ, פּאַרוואָס דו נישט
פּאָסטופּאַיעסט אין אוניווערסיטעט? ער זאָגט: איך זיי נישט, מאַ־
מאַשאַ, אַ פּראַוואָסלאַווער; איך זיי אַ ייד, איך ניט קען פּאָסטופּאַ־
יען. איך ניט וויל אַ שמד'ען זיך... מיינע שונאים'ס אויף לייב
און לעבען, נו, טאַק וואָס? דאַרף מען טאָקי פּראָפּאַדאַיען? נעמט
מען און מען אַ שמד צאַך—און האָדיע... ווי זאָגט איהר,
מאָלאָדאָי טשעלאָוועק? די נשמה איז ווסיאָ ראַוונאָ ווי אַ רעטאַך—
נישט אַהין און נישט אַהער... רעד צו איהם, רעד צו אַנ'אַרבעס
אויף אַ וואַנד. ער נישט וויל אַ שמד'ען זיך און האָדיע... ניט און
ניט... נעססשאַסטנאַיאַ יאַ זשעשטשינאַ!...

אַלע טאָוואַרישצעס סעם גע'שמד'ט צאַך... סעם... באָריס
יעפימאָוויטש, יעווגעני סערגעיעוויטש, צאַנאַ מיכיילאָוונאַ... דער
העם אינזשינער-טעכנאָלאָג, דער סעם אַ וורטש... נור מיר אַ נע־
באַך נישט באַשערט צו האָבען אַ נחת פון אַ זוהן. איך דאַרף דאָס

אַ סטראַדאַיען!... אַך, באָזשע מאָי, באָזשע מאָי!...

מיין ברודער, אַרקאַדי פּעטראָוויטש, איהם זאָגט: וואָלאָדיאַ, איך דיר ליב ווי מיין דושאַ. דו נאָך יונג... דו דאַרפסט געהן דינען אין וואָיענע סלוזשבע. דו בעסער פּאָסטופּי אין אוניווער־סיטעט,— דו נישט דאַרפען געהן אין סאָלדאַטען... ביי לייטען אַ נחת פון קינדער... שמד צאַך... מיר האָבען אַ גוטען גאָטען, ער דיר און אונז אַ העלפען... ער, מיין זוהן, אונז הערט ווי אַ נעכטיגער שניי...

איינמאָל, סעם באַלד איבערגערעדט. איך און מיין ברודער אַרקאַדי פּעטראָוויטש סעם איינגערעדט... צוגעשטאַנען... איך געוויינט, געקליאַנטצשעט: האָב ראַכמאָנע אויף מיר, נעסטשאַסטנאַ־יאַ זשענשטשינאַ, איך, דיין איינאיינציגע מאַמאַשאַ. וויפיל איך געסטראַדאַיעט ביז איך דיר אויסגעהאָדעוועט .. ער סעם גענומען אַ איזוואָזשציק, געפאָהרען צום קסיאָנדז—זאָל זיין צום קסיאָנדז... מיין ברודער אויך געפאָהרען, אונזער סאָסיעד אַנדריי גאַווריליאָ־וויטש אויך געפאָהרען, דער דירעקטאָר און דער קרעסטני, אָטיעץ כאַריטאָן וואַסיליעוויטש—אַלע געפאָהרען... מיין זוהן, וודרוך, פון געלער הויט, זאַך צעוויינט, אַראָבגעלאָזען אַ טראַך מיין ברו־דער, זיין איינענעם דיאַדקע, איבער מאָרדע, אויסגערעדט כל שמשים אויף זיין קאָפּ, אַראָבגעשפּרונגען פון איזוואָזשציק און אַ טיאָך דאַ אַ טיאָך...

אָך—כו-כאָ-כאַ! האָספּאָדי באָזשע מאָי... ביין נאַכט ערשט געקומען אַהיים, אַ סטראַשנער... די אויגען רויט... עין הרע קראַנק געוואָרען... גערופען דאָקטערס... אַפּטייקען, ראַסטראָיסטווע... ליעקאַרסטוועס. איך, אַ מאַמאַשאַ, אַן איינציגע מאַמאַשאַ,— מיר וועה דאָס האַרץ, וואָס איך קען טון?

האָט אַ פּעראַיבעל נישט, מאָלאָדאָי טשעלאָוועק, איך אויף אייך אויסגעגאָסען מיין ביטער האַרץ. ווי זאָגט אַ פּאָסלאָוויצע: אַבאָקס האָט אַ לאַנגע צונג און... קיינער נישט ווייס ווען אַ שוך אַ קוועטש. אָך—כאָ-כאָ-כאָ...